בעזהשי"ת

שיעור ל"ח

שיעורי

# הלכה ישרה

## הלכות למעשה המצויות בשבת

## הדלקת נרות שבת באידיש

לא ללמוד בשעת התפילה וקריאת התורה

## סגולת הנרות

**די וואס** זענען נזהר אין די מצוה פון הדלקת הנרות, אז עס זאל זיין מהודר אין הלכה און אין שיינקייט, איז זוכה צו קינדער תלמידי חכמים.

**עס איז** א סגולה צו זאגן 'פרשת חנה' (צוגעפינען בהפטורת ראש השנה), און מ'זאל פארשטיין וואס מען זאגט (של"ה הק', קיצור שולחן ערוך).

**אויך איז** מסוגל אז דער מאן און קינדער לערנען ביי די שבת ליכט.

**מען פירט** זיך צו געבן צדקה בעפאר הדלקת נרות.



# בית יעקב לכו ונלכה באור ה'

## הלכות 'הדלקת נרות' באידיש

(כל המראה מקומות תמצא בשיעורי 'הלכה ישרה' בלשון הקודש – שיעור י"ט)

### די ליכט

**א. ליכט:**

היינט צו טאג קען מען זיך באניצען מיט אלע מינע ליכט און שמן, ווייל אלעס ברענט שיין, א חוץ פון די וואס לאזן ארויס א שלעכטע גראך.

❖ אין אנדערע צימערן איז מען יוצא מיט אלע מינע ווענן צו מאכן ליכטיג (אזוי ווי לעקטער – אפילו פון בית הכסא).

**ב. שמן זית:**

עס איז דא א ענין צו אנצינדען שמן זית על פי קבלה – אפילו היינטיגע צייטן.

**ג. די ליכט זאל נישט צוגיין:**

מען זאל נישט לייגן די ליכט נאנט איינעם נעבן צווייטן – כדי עס זאל נישט צוגיין, ווייל דעמאלטס איז מען נישט יוצא.



לכבוד שבת המלכה, להניח בתוך הבית ברכה,

**ד. די ליכט זאל זיך נישט פארלעשן:**

מען זאל נישט לייגן די ליכט דארט וואו עס בלאזט א ווינד, וכדומה, ווי עס קען זיין די ליכט לעשט זיך אויס, כדי נישט צו אריינגיין אין שווערע שאלות אויב מען מוז איבער צינדן, און וועגן מאכן א ברכה נאכאמאל.

## ווער צינדט און ווער גרייט אהן

**ה. די מצוה אויפן פרוי:**

די מצוה פון 'הדלקת נרות שבת ויו"ט' איז פאר די פרוי, און דער מאן קען דאס נישט צונעמען.

**ו. הכנת הנרות:**

די מצוה פון 'אנגרייטן די ליכט' איז פאר די מאן.

- ❖ עס איז א ענין (ספּיציעל פאר'ן מאן) ער זאל אפברענען די ליכט (ע"פ קבלה), צומווייניגסטענס די אויל ליכט.
- ❖ מען זאל נישט אויסלעשן די ליכט דורך בלאזן (בשם האר"י הק').

**ז. ווען דער פרוי איז נישט אינדערהיים:**

ווען דער פרוי איז נישט אינדערהיים (א יולדת, אדער ז' איז אין אן אנדערע שטאט) דאן צינד דער מאן, און ער מאכט די ברכה **בעפאר די צינדען** (נישט ווי די פרוי נאכען צינדען), **אבער** ער איז נישט מקבל שבת מיטן צינדן.

- ❖ לכתחילה זאל ער מאכן א תנאי – אז ער איז נישט דעמאלטס מקבל שבת (וועגן מנחה וכדומה).
- ❖ אויב די מאן איז נישט דארט, זאלן די מיידלעך העכער בת מצוה צינדן, און זיי זענען בעפאר די בחורים.

## די ליכט צאהל

**ח. צוויי ליכט:**

דער עיקר דין איז צו צינדן צוויי ליכט, איינס קעגן 'זכור', און איינס קעגן 'שמור' (זכור ושמור את יום השבת לקדשו, בעשרת הדברות).

**ט. מוסיף זיין מער ליכט:**

מען איז מוסיף איין לעכט קעגן יעדע קינד, כדי צו זוכה זיין וואס חז"ל זאגן **"הרגיל בנר וועט זוכה זיין צו בנים תלמידי חכמים".**

- ❖ מען איז שוין מוסיף ביים ערשטן שבת פון די געבורטס פונעם קינד, אפילו אויב די מאן צינדט דעמאלטס.
- ❖ אין א פאל וואס די קינד איז נפטר געווארן רח"ל, זאל מען נאך אלץ צינדען לטובת די נשמה פונעם קינד.

**י. פרוי אלץ גאסט:**

ווען א פרוי איז ביי איינעם אלץ גאסט, איז גענוג צו צינדן נאר צוויי ליכט.

## די זמן פון הדלקת נרות

**יא. צינדען פון פלג המנחה:**

מען קען צינדען פון פלג המנחה, וואס דאס איז א שעה אין א פערטל בעפאר די שקיעה (כשיטת הלבוש).

**יב. בעפאר פלג המנחה:**

אויב האט מען געצינדען בעפאר פלג המנחה, איז היינטיגע צייטן – אז עס איז דא לעקטער, איז ניכר אז די ליכט איז לכבוד שבת, זאל זי **נישט אויסלעשן** די ליכט.

❖ אבער דער מאן אדער אן אנדערער זאל אנצידנען איין ליכט לכבוד שבת, אהן קיין ברכה.

## די אופן פון הדלקת נרות

**יג. היינט מיט לעקטער:**

היינט אז עס איז שווין זייער לעכטיג אין הויז דורך לעקטער, איז גיט אז זי צינדט אהן די לעקטער פון צימער לכבוד שבת ויו"ט – **דווקא בעפאר צינדען** די ליכט.

❖ און זי זאל אין זינען האבן, אז די ברכה וואס זי גייט מאכן נאכן צינדן די ליכט, זאל אויך זיין פאר די אנגעצינדער לעקטער לכבוד שבת ויו"ט.

❖ יו"ט זאל מען אנצינדן די לעקטער ביים זמן.

**יד. די ברכה:**

שבת מאכט מען די ברכה **נאך** די הדלקת נרות, **נישט בעפאר**.

❖ יו"ט איז דא מנהגים אויב מען מאכט די ברכה בעפאר אדער נאכ'ן אנצינדען די ליכט.

**טו. אנצינדען מיט א צווייטע ליכט:**

מעיקר הדין מעג מען אנצינדען ליכט דורך אנדערע שבת ליכט, אבער עס איז בעסער צו האבן אן עקסטערע ליכט (א שמש) אדער א צינדער (Lighter) – אנצוצינדען די שבת און יו"ט ליכט, און נישט צינדען פון אנדערע שבת ליכט.

**טז. אראפ לייגן די צינדער:**

מעיקר הדין נאכ'ן צינדן – **אפילו בעפאר די ברכה**, זאל מען נישט אויסלעשן די ליכט וואס מען צינדט מיט דעם און אזוי אויך די צינדער (Lighter), נאר זיי אראפלייגן – און אזוי זיך אויסלעשן פון זיך אליין.

**יז. נישט אנצינדן די שמש דורכ'ן ליכט:**

טאמער האט זיך די אנצינדער ליכט (שמש) אויסגעלאשן, טאר מען נישט דאס

אנצינדן פון די שבת ליכט, נאר מען דארף עס אנצינדען דורך א מעטש (Match) אדער צינדער (Lighter).

### יח. רוב פונעם קנויט:

מען זאל האלטן די פייער ביים ליכט ביז רוב פונעם קנויט ברענט, בפרט ביי די אויל קנויטען.

### יט. צודעקן די פנים:

מען טאר נישט נהנה זיין פון די ליכטיגקייט פון די ליכט – בעפאר די ברכה, וועגן דעם דעקט מען צו די אויגן אדער מאכט מען צו די אויגן, כדי מען זאל נישט זעהן די ליכט ביז נאכן ברכה.

### כ. די הענט העכער'ן ליכט:

מען פירט זיך צו פירען די הענט העכער די ליכט בעפאר די ברכה, אבער מיט פארמאכטע אויגן.

- איינער פון די טעמים, כדי צו ווייזען אז די ברכה אויפן ליכט האט מען אין זין אויך אויף אלע ליכטיגקייט פונעם הויז לכבוד שבת.

## ברכת 'הדלקת נרות'

### כא. די ברכה:

ווי דערמאנט, מען מאכט די ברכה אויף די ליכט פון שבת דווקא נאכן אנצינדען די ליכט.

ווייל איינמאל די פרוי מאכט די ברכה, טאר זי שוין נישט טוהן קיין מלאכות און אנצינדען אפילו די שבת ליכט, ווייל זי איז מקבל שבת מיט'ן ברכה 'להדליק נר של שבת'.

- ווען דער מאן מוז צינדען, מאכט ער די ברכה בעפאר'ן צינדען די ליכט, און ער זאל לכתחילה מאכן א תנאי אז ער איז נישט מקבל שבת.

### כב. די ברכה ביים ליכט אויפען טיש:

די ברכה זאל מען מאכן אויף די ליכט וואס זענען אויפען טיש.

- אויך זאל מען אין זינען האבען אויף די ליכטיגקייט אין אנדערע צימערן ווי עס איז ליכטיג.

### כג. ליכט אויף עטליכע פלעצער:

אויב מען לייגט עטליכע ליכט אויף א פאהר פלעצער (צום ביישפיל – סוכות, וואס אסאך צינדען אהן נאך צוויי פון די ליכט אין די סוכה), מאכט מען א ברכה לכתחילה אויף'ן ליכט וואס איז אויף די טיש פון די סעודה.

### כד. ברכה אלץ גאסט:

ווען איינער איז א גאסט, און עס איז טינקל ווי מען שלאפט, איז דארט דא א חיוב

פון ׳הדלקת נרות׳, און מען זאל מאכן די ברכה דארט אין צימער.

- ❖ און פאל ווען די בעל הבית לאזט נישט צינדען אין שלאף צימער [צום ביישפיל – א האטעל אדער סתם א בעה״ב אין זיין הויז] טאר מען נישט צינדען דארט אן רשות.
- ❖ אין אזא פאל זאל מען אויפמאכן די לעקטער וואס שיינט אריין אין די צימער – ספעציעל לכבוד שבת [צום ביישפייל די לעקטער פון א שראנק (Closet) אדער פונעם בית הכסא], און די ברכה זאל מען מאכן אויפן ליכט וואס מען צינדט ביים טיש, און אין זינען האבן די ליכט פונעם צימער.

## כה. געמאכט די ברכה בעפאר׳ן צינדען:

אויב האט די פרוי געמאכט בטעות די ברכה בעפאר׳ן צינדען, בדיעבד זאל זי צינדען נאכ׳ן ברכה.

- ❖ אויב האט זי געמאכט די ברכה אינמיטן צינדען ווען זי האט נאך נישט אנגעצינדן אלע ליכט, דעמאלטס זאל בעסער אן אנדערע צינדן די איבריגע ליכט אהן א ברכה (די מאן אדער א קינד).

## כו. פארגעסן די ברכה:

אויב האט מען פארגעסן צו מאכן די ברכה, קען מען מאכן די ברכה ביז׳ן שקיעה.

## איסור מלאכות נאכ׳ן צינדן

## כז. מקבל שבת ביים צינדן:

די פרוי וואס צינדט ליכט איז מקבל שבת דערמיט, און נאכדעם טאר זי נישט מאכן א מלאכה:

- ❖ קיין שום מלאכה מן התורה און מדרבנן.
- ❖ אבער זי מעג זאגן פאר א גוי (גוי׳טע) צו מאכן א מלאכה ביז׳ן צאת הכוכבים (72 מינוט נאכ׳ן שקיעה).
- ❖ בעת צורך גדול, מעג זי מאכן א מלאכה דרבנן.
- ❖ זי טאר נישט עסן אדער טרינקען נאכ׳ן צינדען [וועגן דעם זאל זי אלעמאל זיכער מאכן צו עסן אדער טרינקען בעפאר ׳זמן הדלקת נרות׳].
- ❖ זי זאל נישט דאווענען מנחה נאכ׳ן צינדן די ליכט, נאר בעפאר׳ן צינדען, בדיעבד קען זי דאווענען מנחה נאכ׳ן הדלקה.
- ❖ נאכ׳ן צינדען טאר זי נישט לייגן קיין טעפ אויף די בלעך.
- ❖ זי טאר נישט אנצינדן אדער אויסלעשן ליכט (צום ביישפיל, אויב זי האט פארגעסן אנצינדען א ליכט, אדער געצינדען א ליכט צופיל).

## כח. פאהרן מיט א קאר נאכ׳ן צינדן:

די פרוי נאכען צינדען ליכט זאל נישט פאהרן מיט א קאר (צום ביישפיל – צו איהר עלטערן, אדער א שבע ברכות).

❖ בעת הצורך זאל איינער אנדערש עפענען די טיר פון די קאר ביים אריין און ביים ארויס פונעם קאר.

### כט. תנאי בעפאר'ן צינדן:

לכתחילה זאל א פרוי נישט מאכן א תנאי בעפאר'ן צינדן, אבער אויב עס איז געבליבן א מלאכה צו מאכן אדער זי איז זייער הינגעריג אדער דארשטעריג און עס איז שוין נאכ'ן זמן הדלקת הנרות נאנט צום שקיעה, זאל זי בעסער מאכן א תנאי כדי נישט צו צינדן ליכט שפעט.

### ל. טבילה פרייטאג צונאכט'ס:

איינער וואס האלט פאר טבילה, זאל מען מאכן די חפיפה (רייניגען) בעפאר הדלקת הנרות, און טבילה דערנאך.

## באניצען מיט די ליכט

### לא. אנצינדען פון שבת ליכט:

מען טאר זיך נישט באניצען מיט די ליכט פון א מצוה, וועגן דעם זאל מען נישט אנצינדן פון די שבת ליכט די צינדער (ווען עס האט זיך אויס געלאשן) און אויך נישט קיין מעטש (Match), אבער איין שבת ליכט פונעם צווייטן קען מען יא (ווען מען דארף).

### לב. קלעבן די ליכט:

מען טאר נישט ארייקלעבן ליכט דורך צולאזן די ליכט מיט'ן ליכט פון שבת און יו"ט.

### לג.ווארעמען געקעכטס יו"ט:

מען מעג אנצינדן פייער פון א יו"ט ליכט כדי צו אנווארעמען א טאפ לכבוד יום טוב.

## די פלאץ פון די ליכט

### לד. די פלאץ פונעם ליכט:

היינט אז עס איז דא לעקטער, און מען איז ווייניג נהנה פון די ליכט פון הדלקת הנרות וואס מען מאכט א ברכה:

❖ זאל מען לייגן די ליכט אויפן טיש, אדער נאנט ווי מען עסט.

❖ אדער כאטש ווי מען קען זעהן די ליכט אויף וואס מען מאכט די ברכה.

❖ דאס איז: אינדערהיים, האטעל, קימפעטארן היים א.ד.ג.

❖ ווי דערמאנט, עס איז אלעמאל גלייך צו אנצינדן די לעקטער לכבוד שבת און יו"ט [בעפאר הדלקת הנרות], אפילו אין די אויבערדערמאנטע פלעצער.

❖ מען קען נישט אנצינדן די ליכט און מאכן א ברכה אין צימער פון א חולה אדער אין סוכה – און זיי ארויס נעמען, אבער מען קען עס לייגן אין די זעלבע צימער ווי מען מאכט די ברכה.

### לה. שפיטאל:

א פרוי וואס איז אין שפיטאל ווי מען קען נישט צינדן קיין ליכט, איז אויב מען צינדט

אינדערהיים, זאל זי **נישט** מאכן קיין ברכה אויף די **לעקטער פון צימער**, און אויף די **"לעקטער ליכט"** פון שפיטאל:

- נאר זיי אנצינדן לכבוד שבת אהן קיין ברכה.
- מען טאר נישט אנצינדן ליכט כדי צו מאכן א ברכה און תיכף זיי אויסלעשען.

## לו. ווען מען עסט נישט אינדערהיים:

א פרוי וואס עסט נישט אינדערהיים, איז כדי צו קענען צינדן אינדערהיים מיט א ברכה, בפרט היינט אז מען איז נהנה פון די לעקטער, זאל מען מאכן ווי פאלגענד:

- אויב מען קען, זאל מען מאכן קידוש אינדערהיים און עסן א כזית בעפאר מען גייט.
- אויך מען קען אויסלעשן די לעקטער און צוריק אהנצינדען, און זיצן דארט א ביסל, און די שבת זייגער זאל שפעטער אנצינדן די לעקטער.
- אויך מען קען אנצינדן מיט גרעסערע גלעזער פון אויל אדער גרויסע ליכט, כדי אז ווען מען קומט אהיים זאל מען קענען דארט עפעס עסן, נעבן די ליכט.
- אויך מען קען אנצינדן די לעקטער לכבוד שבת בעפאר די ליכט, און אין זינען האבן די ברכה אויף די לעקטער ווען מען קומט אהיים, און בלייבן זיצן אביסל נעבן די ליכט, דאווענען אדער אנגרייטן די קינדער אדער די עסן (וואס מען נעמט מיט – אלעס נעבן די ליכט.

## פארשפעטיגט אדער פארגעסן צו צינדען

## לו. נאכן שקיעה:

א פרוי וואס האט פארשפעטיגט צו צינדען ביז נאכ'ן שקיעה, טאהר נישט צינדן, נאר דורך א גויט'ע, און זי זאל פאר מאכן די אויגן און מאכן די ברכה.

- דאס בעטן א גוי'טע איז ביז פאר'ן צאה"כ, לכתחילה ביז 60 מינוט נאכ'ן שקיעה.
- אדער בעטן א קינד צו צינדן ביז 15 מינוט נאכן שקיעה, און זי זאל פאר מאכן די אויגן און מאכן די ברכה.

## לז. פארגעסן בכלל:

א פרוי וואס האט פארגעסן צו צינדן ליכט לכבוד שבת, מוז פארמערן איין לעכט איר גאנצע לעבן:

- דאס איז אפילו די לעקטער אין הויז האט געמאכט ליכטיג.
- אויב אבער איז זי געווען א אונס, אדער א חולה, אדער מיט א קינד אין שפיטאל, און זי האט אלעס געטוהן וואס זי האט געקענט, איז זי פטור פון מוסיף זיין א לעכט.
- אויב האט זי נאר פארגעסן טייל פון די ליכט אנצוצינדן, דארף זי נישט מוסיף זיין קיין לעכט.
- אויב איז זי געווען ביי איר עלטערן און דארט פארגעסן, דארף זי נישט מוסיף זיין.
- יו"ט קען זי צינדן א גאנצע נאכט און עסן דארט כדי צו מאכן א ברכה, אבער נישט ביי טאג.

**נפלא** עריכת ספרים - 1347-455-9957 72nifla@gmail.com

**יצא לאור ע"י הרב יהודה אליקים מאנהייט - מו"צ בק"ק ברוקלין יצ"ו**
להנצחות הערות והארות נא להתקשר - 347-512-9276 - haluchuyeshuru@gmail.com